# נחס תּיבֿה, סטיל מאָדערן

## מיט איבערוואַנדערערס קיין ביראָבידזשאַן

### דער נסתּר

"ער פֿאָרט אין עשעלאָן? ווער זײַנען די איבערוואַנדערער-קאָנטינגענטן?"

"כּלערליי."

"פֿאַכן און פּראָפֿעסיעס?"

"פֿאַרשיידן, וואָס פֿאַרשיידן הייסט: אָנגעהויבן פֿון אַ גאַסן-שוסטער, אַ לאַטוטניק, ביז אַ וועג-אינזשעניר; פֿון אַ טראַקטאָריסט ביז אַ שוחט; פֿון אַלטמאָדישן באָנדער, פֿון וועלכן ס'שמעקט מיט פֿאַס, מיט דייזשקע, מיט רייפֿן און קלעפּקע, ביז אַ גאָר קוואַליפֿיצירטן אינסטרומענטן-מײַסטער פֿון פּינקטלעכער מעכאַניק; הײַנט אַלע איבעריקע, ווי סטאָליערס, טעסלערס, שלאָסער, טאָקער, שטעפּער, שנײַדער, צושנײַדער, רימער, און ווער קאָן זיי דען אַלע אויסרעכענען?

עטוואָס מער אויספֿירלעך: אָט פֿאָרט אַ פֿרוי אַ נאַטשאַלניק פֿון אַ פּאָסט און טעלעגראַף-אָפּטיילונג, וואָס דאָס אָרט, וווּ זי האָט געוווינט, האָט זי פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט אָפּלאָזן, וויסנדיק, אַז אַזאַ גענײטע און דערפֿאַרענע טוערין אויף דעם געביט איז איצט ניט אַזוי לײַכט צו קריגן. און אַנטקעגן – אַזאַ וואָס דאָס אָרט, וווּ ער האָט געאַרבעט, האָט זיך פֿאַר אים ניט איבעריק באַדאַרפֿט שלאָגן – אַ טויבלעך-אָפּגעפֿאָרענער פֿאַריקמאַכער, מיט אַ בלאַס-תּעניתדיק פּנים, מיט שטאַרק געגריבלדיקע באַקן און שוואַרץ-זשוקישע וואָנצעס, וואָס אַחוץ פֿאַריקמאַכערײַ האָט ער נאָך אַ בײַ-פּרנסה: ער שפּילט, טויבערהייט, אויף אַ טראָמבאָן, אויב אַזאַ איינער פֿעלט אַמאָל אויס אין אַ קאַפּעלע.

אָט פֿאָרט אַ געוועזענער בעל-עגלה, איצט – אַ זאַווטראַנספּאָרט, אַ ייִד מיט אַ ביסל פֿאַרלאָפֿן בלוט אין אויג, וואָס האָט ליב אַ שאַרף וואָרט און בעת אַ קריג מיט עמעצן קאָן ער באַשטיין זײַן שטעטל. צוזאַמען מיט אים – אַ גרופּע גרים, טיפּישע רוסן מיט עפּעס סעקטאַנטיש-געדעמפּטע יצר-הרעס

און מיט פֿרומע פּסוקים אין מויל. ס'פֿאָרן ייִדישע פּויערים פֿון קרים און פֿון אַנדערע ראַיאָנען, מיט קנאָכיק פֿאַרברוינטע פּנימער און מיט גאָר ניט קיין ייִדישלעכן געמיט אין די געביינער, און פֿון דער אַנדערער זײַט – אימפּעטפֿולע שטאָטלײַט, מיט פֿולע טשעמאָדאַנעס טאַראַראַם און טומל...

ס'פֿאָרט אַ 56-יאָריקער העקער, וואָס זעט אויס ווי פֿון אַ האַרבער קלאָץ אויסגעדויבעט, אַ טומלער, שוין מיט איין צאָן אין מויל, פֿון פֿאָרנט, וואָס האָט אָבער ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט פֿאַר אַ יוגנט און זיך דערלעבט אַ בן-זקונים; אַן אַלטער פּאַרטיזאַן, וואָס האָט צוריק מיט אַ יאָר דרײַסיק געדינט אין בודיאָניס קאַוואַלעריע, און דער שינעל און דאָס מיליטאַרישע היטל, וואָס ער טראָגט איצט און זאָגט, אַז ער האָט זיי פֿון דער לעצטער מלחמה, אין וועלכער ער האָט אויך אָנטיילגענומען, שמעקן נאָך אָבער באמת מיט שווייס און פּולווער פֿון בירגערקריג.

ס'פֿאָרט זײַנער אַן אַנטיפּאָד. אַ שטאָלענער מעטאַליסט, אַ שוויַיגנדיקער יונג, מיט אַ שווײַגנדיק-שטאָלענער פֿיגור, וואָס פֿאַר גאַנצע מעת-לעתן קאָנט איר אים ניט הערן אַ וואָרט אויסרעדן און וואָס ס'רעדט פֿאַר אים נאָר זײַן באַיאָן, אויף וועלכן ער שפּילט אין די אָוונטן, ווו, אין וואָס פֿאַר אַ וואַגאָן ער כאַפּט זיך אַרײַן, און ווו ס'געפֿינען זיך מיידלעך, וועלכע האַלטן זיך שטאַרק נאָענט לעבן זײַן שפּיל-כלי, און דער עיקר – לעבן אים אַליין.

און אָט איז נאָך איינער, אַ זיבעצן-אַכצן-יאָריקער מעטאַליסט, מיט אַ קרעפֿטיק חנעוודיק פּנים, מיט אַ שמאָל מויל, וואָס דערלויבט אים זיך ניט ברייט צעלאַכן און וואָס די אויגן לאַכן פֿאַר דעם – אַ יאַט, וואָס אויסער זײַן מלאָכה, פֿאַרנעמט ער זיך נאָך מיט ספּאָרט, מיט אַקראָבאַטיק, און די הענט און די ברוסט זענען בײַ אים, ווי בײַ אַן עכטן מאַטראָס, טאַטואירט מיט שלענג, מיט אָדלערס, מיט מיידלעך-מענטשן און וואַסער-מיידלעך – מיט מיטישע פֿיגורן.

מיט איין וואָרט, איר האָט דאָ אַ מין נחס תּיבֿה, סטיל מאָדערן, ד.ה. ניט אויפֿן וואַסער אַ תּיבה, נאָר אויף דער אײַזנבאַן, און ניט אין קיין מבול, נאָר נאָך אַ ריזיקן וועלטקריג, וואָס איז ניט בעסער פֿון אַ מבול.

איר האָט דאָ אַ דור, וואָס איז שוין בלויז אויף סאָוועטיש ברויט אויסגעהאָדעוועט געוואָרן, און אויך אַנדערע, וואָס האָבן פֿאַרזוכט אויך אַנדערע ברויטן, ביז אַפֿילו אַ 96-יאָריקע זקנה, וואָס געדענקט נאָך כּמעט דעם מלך סאָביעסקיס קדמונים... זי זעט שוין אויס האַלב ערד, האַלב מענטש, דאָך האַלט נאָך קאָפּ און באַדינט נאָך אי זיך אַליין, אי די פֿאַמיליע,

און אַז זי צערעדט זיך מיט עמעצן, הערט זי ניט אויף צו דערציילן די וווּנדער פֿון אַמאָל און טשמאָקעט דערבײַ אונטער מיטן אָנצײַנענדיקן מויל.

ס'פֿאָרן מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע אויסשפּראַכן: וואָלינער, קרימער, אָדעסער, און מערסטנטייל פּאָדאָליער. ס'פֿאָרט אַ טייל, וואָס ייִדיש איז זייַן ברויט, און אַנדערע וואָס פֿילן זיך מיט ייִדיש ווי שוין ניט אין דער היים, שעמען זיך אונטער מיט זייער אומקענטעניש און טרוימען אַז אָט קומען זיי אָן אַהין וווּהין זיי שטרעבן, וועלן זיי זיך נעמען דערלערנען און דערפֿילן דעם בלויז. ס'פֿאָרן אויך אַזוינע וואָס שטרעבנדיק שוין פֿון לאַנג אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און ניט קאָנענדיק דאָס לשון, האָבן זיי זיך באַצײַטנס עס גענומען דערלערנען און האָבן שוין אויך געוויסע דערפֿאָלגן. ווי אָט דער שוין ניט יונגער אינזשעניער, וואָס לייענט שוין, שרײַבט שוין און רעדט שוין מער ווייניקער לויפֿיק, למזל.

מיט איין וואָרט, איר האָט דאָ אַ טויזנטקעפּיקן געמיש פֿון טיפּן, געשטאַלטן, געשלעכט, שטייגער, לשונות און העוויות, וואָס אַפֿילו אַ געניטער פֿאָלקס-קענענדיקער סטאַטיסטיקער וואָלט זיך דאָ דערזען שטיין, ווי פֿאַר אַ ים, מיט אַן אָפֿן מויל פֿאַר חידוש, באַקומענדיק אַזאַ סאָרט לעקציע אין זײַן אייגנטלעכן געביט.

ער וואָלט זיך צווישן אַנדערן למשל דערוווּסט אַז אין אָט דער געדיכטעניש וואָלטן אונדזערע קלאַסיקער אַפֿילו נאָך געקאָנט געפֿינען גענוג פֿאַרשוינען (אמת, אַ ביסל שוין דעפֿאָרמירט און האַלבוועזנטלעך געענדערט) אויף זיי קינסטלעריש צו שילדערן; אַז אַפֿילו אַ מענדעלע, ווען ער שטייט אויף, קומט אַהער און גיט אַ קוק דורך זײַנע טיף-דורכדרינגלעכע שפּאַקולן, וואָלט אויך ער דאָ אויסגעפֿונען פֿאַר זיך ליטעראַרישע חיונה, דערזעענדיק אייניקע פֿאַרקאָנסערווירטע רעשטלעך פֿון זײַן, פֿון לעבן שוין פֿאַרשוווּנדענער, טיפּנגאַלעריע, וועלכע וואָלטן זיך געבעטן אונטער זײַן פּען, זאָגנדיק: דרשני, נעם מיך, מאָל מיך!

כאָטש צוריק גערעדט, זענען שוין אַפֿילו אָט די רעשטלעך אויף אַזוי פֿיל קולטורעל אויסגעוואַקסן און האָבן זיך אַליין אַזוי ווײַט שטייגעריש איבערגעשטיגן אויף צו וויסן, ווער און פֿאַר וואָס איז ווערט "געמאָלן" צו ווערן.

אַזוי, למשל, ווען איינע אַ פֿרוי, אַ שטאַרק בייזע, מיט אַ לאַנגער דאַרער נאָז, וועלכע מאַכט זי פֿאַרביטערט, ווײַל מסתּמא איז זי ניט איבעריק נושׂא-חן בײַם מאַן – אַז אָט די פֿרוי נעמט אַמאָל שאַרף אונטערקנײַפּן אירס אַ

קינד און עס שעלטן מיט די קללות פֿון שלום-עליכמס שטיף-מוטער, אין זײַן ״פֿונעם יריד״ – זאָגט, דערהערנדיק זי, אַ צווייטע:

״אוי, אַן עבֿירה וואָס איז דאָ קיין שרײַבער ניטאָ, מ׳וואָלט זי שוין רעכט באַשריבן.״

״נישקשה, מ׳שרײַבט״, זאָגט אַ דריטע און קוקט בעת-מעשׂה, כיטרע אונטערווינקענדיק צום קאָרעספּאָנדענט פֿון ״אייניקייט״ וואָס קומט גראָד אונטער און דערהערט אויך יענערס קללות, מיט דער זיכערקייט אַז ער וועט זיך שוין אויפֿן ריכטיקן אופֿן אָפּרעכענען מיט אָט דער שעלטערקע אין *זײַן* בלאַט.

בקיצור: מאַטעריאַל – און אַ ים מאַטעריאַל- קאָן דאָ קלעקן געווג און איבערגענוג אי פֿאַרן סטאַטיסטיקער אי פֿאַרן צײַטונגס-טוער אי פֿאַר כּלערליי שרײַבערשע זשאַנרען, וועלכע האָבן צו שעפּן מיט שעפּל און מיט לעפּל, ווי מ׳זאָגט.

ווײַל נאָכאַמאָל: אָט פֿאָרן דאָ מענטשן, וואָס זייער מיין איז בלויז מאַטעריעל זיך בעסער אײַנצואָרדענען; און אָט אַנדערע, מיט מער נאַציאָנאַלע מיינען, וועלכע פֿרעגן זיך ניט נאָך אויף בעסערס: זאָל זײַן ווי ס׳וויל זיך, אַבי דאָרט...און אָט האָט איר שוין גאָר פֿלעמיקע ענטוזיאַסטן, וועלכע זענען גרייט אַלץ אָפּצוגעבן, אַבי אַליין זיך דאָרט צו געפֿינען און אויך אַ האַלבע וועלט אַהין איבערשלעפּן.

ווי אָט, צום בײַשפּיל, דער געוועזענער פּאַלעסטינע-פּאַטריאָט – דער וואָס מיט דער גאָר רײַכער ביאָגראַפֿיע, וועלכער האָט אין זײַן יוגנט שטאַרק געפֿלאַמט פֿאַר דער פּאַלעסטינע-קאָלאָניזאַציע, און ניט נאָר פּלאַטאָניש געפֿלאַמט, נאָר אַליין טאַקע אַ קרעפֿטיקן מאַרכבֿיין אין קאָן אַרײַנגעלייגט... איבערלאָזנדיק אין רוסלאַנד אַ רײַכן טאַטן אַ פּאָסעסאָר, און אַליין, מיט געציילטע עטלעכע גילדן אין זײַן אידעאַליסטישן טאַש, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַהין אויף צו טאָן כּל עבֿודות-פּרך לשם זײַן אידעאַל, ביז זיך ניט אָפּצושטעלן פֿון צו זײַן אַפֿילו אַן אַסעניזאַטאָר, ביז צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַלערליי שלעק, וואָס זענען פֿריִער געווען פֿאַרבונדען מיט דער אַרבעט אין יענע מקומות, ווי קדחת, ווי כאַראָבע, און נאָך און נאָך, און ביז ס׳האָט אים ניט אַ טראָג געטאָן אויף צוריק, פֿונוואַנען ער איז געקומען, לשם אַנדערע אידעאַלן.

איצט איז דער פֿאַרשוין שוין אַריבער די פֿופֿציקער, און דאָך קלעקט אים נאָך אימפּעט אויף גאַנצע טעג צו האַווען און נעכט ניט צו דערשלאָפֿן, אַבי צו זען זײַן נײַע אונטערנעמונג אין גאַנג, אין בלי... קלאָרער: אָט דעם בן-

חמישים איז נאָך אַזוי פֿיל פּיאָנערישע ענערגיע און איניציאַטיוו פֿאַרבליבן, אויף ניט נאָר צו קאָנען אַליין אין אַ נײַעם בווּנג-יאָך זיך אײַנצושפּאַנען, נאָר אויך צו זײַן אַן אָרגאַניזאַטאָר אויף מיטצושלעפּן מיט זיך אָט די טויזנט פֿון דעם עשעלאָן און נאָך טויזנטער פֿון קונפֿטיקע עשעלאָנען – מיט פֿײַער, מיט פֿלאַם, מיט ברען און התלהבות ביז ניט קענען הערן קיינע דערווידערונגען און קיין שלעכט וואָרט, חלילה-וחלילה, מכּוח דער זאַך, פֿאַר וועלכער ער שטעלט זיך אַזוי יוגנטלעך-פֿלאַמיק אײַן.

יאָ, אויך אַזוינע געפֿינען מיר דאָ אינעם 45-וואַגאָניקע עשעלאָן, וועלכע האָט איצט דורכצומאַכן אַ 10-טויזנט-קילאָמעטערדיקן קווערשניט דורכן אומגעהויער-גרויסן לאַנד, זומערצײַט, ווען מען ווערט אי מיד, אי פֿאַרשטויבט, אי אויסגעשעפּט אין משך פֿון דער וואָכנלאַנגער רײַזע. און אַז איינער, אַ מיד געוואָרענער, טוט זיך אַ מאָל אַ ווענד צו דעם אויבן דערמאָנטן אומדערמידלעכן, צו דעם וואָס איז שוין אַריבער די חמישים, מיט אַן אומשולדיקער פֿראַגע: "ווי מיינט מען, וויפֿיל קילאָמעטער איז נאָך פֿאַרבליבן ביז אַהין?" ענטפֿערט יענער האַלב מיט שפּאַס אָבער מער מיט ערנסט: "צו וואָס פֿרעגט איר? צו וואָס דאַרפֿט איר עס וויסן? אַז מע פֿאָרט בויען ביראָבידזשאַן ציילט מען ניט קיין קילאָמעטער, מ'האָט קפֿיצת-הדרך."

פֿון: *דערציילונגען און עסייען.* איקוף-פֿאַרלאַג, ניו-יאָרק 1957